# יחודו

אין אידיש

גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת כי תשא / גליון ב'


**הלימוד היומי בספרי חסידות**

**לשבוע הבעל"ט**
**ספה"ק כתר שם טוב**

| יום | סימן |
|---|---|
| ראשון | רטז - א |
| שני | רטז - ב |
| שלישי | ריז - א |
| רביעי | ריז - ב |
| חמישי | ריז - ג |


0722 531 385
646 518 1014
033 3366 1567

**נייעס אין טלפון ליין**

קול ששון וקול שמחה!
ספעציעלע שמועסן אויף
**עניני נישואין**
אין אפטיילונג פון שמחות, דרוקט 7 < 9


## חסיד'יש געredet

## א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# עונג שבת פארן נשמה אדער פארן גוף?

## די דערהויבנקייט פון 'כתר' זאל נישט בלייבן נאר אין ביהמ"ד, נאר אויך אין שטוב זאל מען אריינברענגען די שמחה פון שבת

כמעט יעדע אסיפה קומט פאר איבער א פולער טיש. די שווערסטע הכרעות, די קאמפליצירסטע דעבאטעס, די גרעסטע ביזנעס דילס, שליסן זיך אויף פולע טישן מיט געשמאקע עסנווארג און דעליקאטעסן. אין רוב פעלער, ווי גרעסער און ערנסטער די פראגע וועט זיין - אלץ רייכער און ברייטער וועלן די טישן זיין צוגערישט.

וואס ליגט אונטער דעם? די שכל זאגט דאס פארקערטע. אייגנטליך, ווי ערנסטער די נושא איז, אלץ וויניגער וואלט מען געדארפט מאכן אן עסק פון די עסן און טרינקען. עס קען נאך אנקומען צו א מצב אז די פארזאמלטע זאלן זיך אריינלייגן קאפ און מח אין די עסן און פארגעסן פון וואס עס ליגט אויפן טיש?

## עונג שבת איז א טייל פון די שבת'דיגע עבודה?

אין די סדרה לערנען מיר איבער די מצוה פון עונג שבת. די תורה הק' ערוועקט ביי אונז די נושא פון עונג שבת, למעשה, ווען מיר זענען זיך מתבונן אין די מצוה, טרעפן מיר צוויי וועגן ווי אזוי מענטשן נעמען אן די מצוה.

עס זענען דא די וועלכע נעמען אן די מצוה מיט א גשמיות'דיגע בליק, זיי לייגן אריין אין איר קאפ און מח, אבער דער עיקר דגוש איז פאר זייער אייגענעם עונג. מען לייגט אן די תענוגים אויפן קאנטע פון שבת... ווען זיי אליין פארשטייען נישט פונקטליך וואס עס האט א שייכות צום שבת.

דאקעגן זענען דא אידן וואס זענען מקיים די מצוה מיט די כוונה פון עונג שבת, אבער זיי פארשטייען נישט ווי קומט דא אריין אין בילד די גשמיות'דיגער טייל. אין זייערע אויגן איז שבת בלויז רוחניות. א טאג וואס מען לייגט אוועק אלע גשמיות אין א זייט און מען לאזט די נשמה זיך לעבן. זיך אפ בלויז מיט רוחניות. וועגן דעם ארבעט מען נישט אין שבת, ווייל מען וויל זיך קענען מער אפגעבן מיטן אמת'דיגן רוחניות'דיגן לעבן.

"קען זיין," זאגן די סארט אידן. "אז ביי די בני עליה וואס טוען אין גאר הויכע עבודות אז ביי די סעודה אליין איז זיי מקשר מיט השי"ת, להתענג על ה', איז דא אן ענין פאר עונג, אבער ביי אונז? וואו קומט עס אריין?".

און אזוי ארום ווערט באשאפן א סארט מציאות אז אויך ביי די אידן וועלכע האבן אינזינען 'לכבוד שבת קודש', שפירן זיי אז אמת'דיג זענען זיי ווייט דערפון. און עס איז נישט קיין טייל פון די שבת'דיגע עבודה. זיי שפירן אפילו א נאנטקייט מיט די תפילה, מיט א נשמת, מיט א געווייקטקייט אין שבת, אבער ווען עס קומט צו די סעודה טרעפן זיי זיך נישט דער פלאץ.

## אזיוזוי דער בן מלך

דער אמת איז אז די שאלה ווערט שוין געברענגט אין די פריערדיגע ספרים. אין ספר תולדות יעקב יוסף (כי תבוא, ועוד) ברענגט ער אראפ א משל פון זיין הייליגער רבי דער בעש"ט הק' אויף די נושא.

א משל צו א בן מלך וואס איז פארוואגלט געווארן אין א ווייטע מדינה. דארטן האט ער זיך געדריידט צווישן פראסטע און ארעמע פויערן. אין א טאג האט ער דערהאלטן א בריוו פון זיין טאטע, דער קעניג. די בריוו האט אים זייער דערפרייט אבער וויסנדיג אז די פויערן וועלן נישט פארשטיין די שמחה האט ער געזוכט א געדאנק וויאזוי ארויסצוגעבן די שמחה.

איז אים איינגעפאלן א געדאנק: ער האט געלאזט באשטעלן א גרויסע סעודה און סערווירט טייערע מאכלים מיט וויינען. די פשוט'ע פויערן זענען געווארן אויסער זיך פאר שמחה. זיי האבן געטאנצן און געשפרינגען פאר שמחה, בשעת ער, דער פרינץ, שליסט זיך אן מיט זייערע פייערדיגע טענץ. ווען ביי אים איז די שמחה וועגן זיין טאטנ'ס בריוו און ביי זיי איז עס צוליב די עסנווארג.

דער נמשל איז פארשטענדליך: ווען עס קומט שבת ווערט די נשמה מורא'דיג פריילין. ער פריידט זיך מיט די נשמה יתירה וואס איז פאר אים ווי א בריוו און א ליכטיגקייט פון זיין טאטן אין הימל. אבער ער שעמט זיך ארויסצוגעבן זיין שמחה, ער איז דאך פארבינדן אין אזא דארפישע גוף, וואס פארשטייט נישט צו עפעס העכערס, געבט ער פארן גוף אירע געברויכן, דער גוף ווערט פריילין, און אזוי לאזט ער די נשמה צורוה, זי זאל קענען פראווענען איר שמחה מיט דעם דביקות צום אויבערשטן וואס זי באקומט היינט בשלימות.

לויט דעם קומט אויס: אז די שמחה פון דער עונג שבת וואס דער גוף האט, איז אויך א טייל פון דעם עונג פון די נשמה. די מטרה פון די עונג שבת איז אז די נשמה זאל זיך נישט דארפן שעמען מיט איר אינערליכער עונג, די דערהויבנקייט פון 'כתר' זאל נישט בלייבן נאר אין ביהמ"ד, נאר אויך אין איר שטוב, דער גוף, אריינברענגען די שמחה פון שבת. אין אנדערע ווערטער: דאס איז דער וועג אז אויך אינעם איינפאכע גשמיות'דיגן לעבן, זאל זי זיך קענען באהעפטן מיטן אויבערשטן.

## א סעודה וועגן א ניגון...

קומט אויס, אז שבת איז א טאג פאר די נשמה, אין דעם טאג איז די נשמה זיך מתענג מיטן אויבערשטן און זי שעפט חיות דקדושה פאר א גאנצער וואך.

עס איז א טאג פאר די נשמה, דער ציל איז זעלבסט־פארשטענדליך נישט צו פאשען דעם גוף. מען געבט פארן

> **לשון קדשו:** "כי הנשמה בושה לשמוח בשבת בתענוגי אביה המלך מלכי המלכים הקב"ה בהנשמה יתירה, שהוא לו אגרת שלומים מאביו, מחמת הגוף שהוא כבן כפר. לכך צוותה תורה לענג הגוף בשבת ויום טוב, ואז כשהגוף שמח בשמחת הגוף אז יש פנאי לנשמה לשמוח בשמחת דביקות המלך הקב"ה".

גוף עונג אז זי זאל צורוה לאזן די נשמה, אז די פויערישע גוף זאל באקומען אירע געברויכן און מיר זאלן דערווייל זיך קענען פרייען מיט השי"ת, און אויך אז מיר זאלן זיך קענען פרייען מיט די נשמה סיי אין שול און סיי אין שטוב. וואס עס פאדערט זיך פון אונז אז מיר זאלן נישט ווערן נאכגעשלעפט נאכן גוף און בלייבן מיט די הנאות פונעם גוף.

און ווי דער בעשטה"ק האט אויסגעטייטש דער פסוק 'ושמרו בני ישראל את השבת לעשות את השבת לדורתם' - אז עס איז דא צוויי סארטן עונג, דער עונג הגוף און די עונג הנשמה. דער איד דארף נאר זיכער מאכן אפצוהיטן דער שבת דהיינו דער עונג הגוף, אנצוקומען צו 'לעשות את השבת' - צו דערגרייכן די עונג הנשמה. אבער נישט אז ער זאל בלייבן שטעקן ביי דער עונג הגוף, ווייל די מטרה פון עונג הגוף איז אנצוקומען צום עונג הנשמה.

# דער ציל פון ניסיונות

## וואס טאקע פעלט אויס אזעלכע שווערע נסיונות? ♦ מיט וואס ברענגען מיר ארויס די מערסטע תענוג פארן באשעפער? ♦ וואס ליגט אונטער דעם גרויסן פינסטערניש אין היינטיגן דור?

**אברהם יצחק:** אין אונזער פריערדיגע שמועס איז שוין געווארן אויסגעקלארט די נקודה אז די נסיונות וואס מיר האבן אויף די וועלט איז נישט קיין צופאל, עס איז א לכתחילה'דיגער זאך. אזוי וויל דער באשעפער אז די וועלט זאל זיך פירן און צוליב דעם האט ער אויסגעשטעלט אזא סארט סדר; די הייליגע נשמה פון א מענטש זאל ווערן אריינגעלייגט אין א מגושמ'דיגער גוף, און מיר זאלן לעבן אין א וועלט וואו די נסיונות פארן מענטש שטעלן זיך קיינמאל נישט אפ. און יעדער מאל ווען עס דאכט זיך פאר'ן מענטש אז ער קען זיך שוין פארמעסטן מיט אזא נסיון טוישט זיך די מציאות און אלעס הייבט זיך אן פונדאסניי.

מיר האבן אויך פארשטאנען אז דאס איז דער וועג ווי אזוי השי"ת האט פון אונז נחת רוח.

**משפיע:** ריכטיג. ווי ווייט איך געדענק זענען מיר ארויס זייער קלאר אין דער נושא, מיר האבן פארשטאנען אז דאס איז די עבודה וואס עס פאדערט זיך פון א איד, און דאס איז דער בליק וואס יעדער איד דארף האבן אויף א נסיון און אויף די נסיונות וואס קומען שטענדיג אונטער.

**אברהם יצחק:** יא, אמת, איך בין ארויס זייער קלאר

> ### ווי פינסטערער און מער מגושמ'דיג די וועלט איז, אלץ גרעסער און שטערקער וועט זיך דערקענען דער אור און אלץ גרעסער וועט זיין דער תענוג פון באשעפער

פון די נושא, אבער עס איז מיר געבליבן איינס - צוויי ספיקות וואס איך וואלט וועלן געוואלט אויסשמועסן מיט דיר. איך ווייס נאר נישט צי כ'מעג...

**משפיע:** געב א קוק, פרעגן מעג מען אייביג. נישט נאר מען 'מעג' נאר מען 'דארף' פרעגן! אבער מ'דארף וויסן אז נישט אויף יעדער שאלה איז דא א תשובה. דאס איז דער וועג ווי אזוי א איד פרעגט. ער פרעגט ווען ער ווייסט מלכתחילה אז דער מענטשליכער מח איז באגרעניצט, אז נישט אלעס קען מען פארשטיין. אויב וועט ער באקומען אן ענטפער איז גוט, אבער אין פאל אז ער באקומט נישט קיין ענטפער מיינט עס נישט אז דער זאך איז נישט ריכטיג.

**אברהם יצחק:** גערעכט. און לאמיר טאקע דא פארלייגן מיין שאלה. נאכ'ן באקומען דער ריכטיגער צוגאנג צו נסיונות וואלט איך געוואלט פארשטיין פארוואס טאקע איז עס אזוי אז די וועלט איז איין לאנגער קייט פון נסיונות? איך שפיר ביי מיר אז אויב איך וועל עס פארשטיין וועט מיר זיין לייכטער עס אנצונעמען.

**משפיע:** זיכער אזוי! אז מען האט ארויס די נקודה איז גרינגער עס צו פארשטיין און אננעמען. נאר אז איך זאל דיר קענען געבן א גוטער תשובה לאמיר ערשט בעסער פארשטיין די שאלה.

**אברהם יצחק:** מיין שאלה איז אייגנטליך - וואס איז געווען די כוונת הבורא מיט דעם אז ער שטעלט אריין א מענטש אין אזא סארט מצב אז ער זאל האבן נסיונות, און פארוואס האט השי"ת נחת רוח פון אזא זאך?

## ליכטיגקייט דערקענט זיך נאר פון עס צושטעלן צום חושך

**משפיע:** איז לאמיר אנהייבן פון אנפאנג. דו פרעגסט גוט אבער איידער כ'גיי דיר ענטפערן אויף דיין שאלה לאמיר קלארשטעלן איין נקודה. די שאלה איז נישט 'פארוואס' האט דאס השי"ת געטון, ווייל מיר זענען צו קליין צו פארשטיין די וועגן פון השי"ת, די וועגן פון דער בורא כל העולמים איז אומבאגרייפליך טיפער ווי די השגה פון א מענטש. אפילו די מלאכים ושרפים קענען נישט משיג זיין אפילו אפס קצהו פון די דרכים ווי אזוי השי"ת פירט די וועלט. עס איז באקאנט דער ווארט וואס דער הייליגער קאצקער זי"ע פלעגט צו זאגן; ער וואלט ווען נישט געדינט א גאט וואס מען קען פארשטיין...

מיר קענען נישט פארשטיין 'פארוואס' איז די סיבה, אבער וואס עס ליגט יא אויף אונזער פליכט צו פארשטיין וואס דעם אויבערשטנ'ס ציל מיט די נסיונות, און ווי דו האסט שוין געזאגט וועט עס זיין פאר אונז פול גרינגער צו דינען השי"ת אויב מיר וועלן ארויסהאבן וואס איז דער ציל וואס איז נוגע צו אונזער עבודה קעגן די שווערע נסיונות.

און איינמאל אז די נקודה איז קלאר לאמיר צוגיין צום ענין אליין. וואס מיר גייען דא אויסשמועסן ווערט אראפגעברענגט מערערע מאל אין די ספרי החסידות און זיי זאגן דערויף מערערע מהלכים, אבער לאמיר אנהייבן מיט איין מהלך.

דער מהלך בויעט זיך אויף די ווערטער פון שלמה המלך אין קהלת (ב, יג) וואו ער שמועסט אויס דער געדאנק פון 'יתרון האור מן החושך' - די מעלה פון ליכטיגקייט דערקענט זיך נאר פון עס צושטעלן צום חושך! ווייל ווען עס וואלט געווען נאר ליכטיגקייט וואלט מען קיינמאל נישט דערקענט די מעלה פון ליכטיגקייט אבער אז עס איז דא אזא זאך ווי חושך דערקענט זיך די מעלה פון חושך. און ווי דער לשון הזוהר [תזריע מז]: דְאִלְמָלֵא חֲשׁוֹכָא לָא אִשְׁתְּמוֹדָע נְהוֹרָא.

**אברהם יצחק:** איך האב עס נישט עכט ארויס. עס איז דא די ליכטיגקייט און עס איז דא די פינסטערניש. וואו כאפט א נפקא מינה פון די פינסטערניש לגבי די ליכטיגקייט?

**משפיע:** איז אזוי. אז דו זאלסט עס פארשטיין מיט א געשמאק לאמיר דיר געבן א משל פון א קליין קינד. האסט אמאל געזען ווי אזוי א קליין קינד קומט אהיים פון חדר און נאך איידער ער עסט עפעס לויפט ער מיט א ברען און פארלעשט אלע לעקטערס אין שטוב, ער שלעפט אראפ אלע פירהענג און דעקט צו די פענסטערס פון שטוב. א שטאק טונקלקייט לאזט זיך אראפ אויפ'ן שטוב.

ווען זיין טאטע באפאלט אים און פרעגט אים וואס טוסטו מיין קינד? נעמט ער ארויס פון זיין טאש א קליינער פלעשלייט וואס שיינט מיט אלע קאלירן און צינדט עס אן! יעצט פארשטייט שוין יעדער וואס ער האט דא געוואלט. ער האט געוואלט אז יעדער זאל אנערקענען וואספארא מתנה ער האט באקומען אין חדר, און איינזען די שיינקייט וואס עס געבט ארויס.

ווען מען איז זיך מתבונן וואס האט דא פאסירט זעט מען א געוואלדיגער זאך. דער קינד האט געוואלט מען זאל איינזען ווי שיין און ווי בליטשקענדיג איז די פלעשלייט וואס ער האט באקומען אין חדר, אבער ער האט נישט קיין וועג עס צו ווייזן נאר נאך וואס ער וועט טונקל מאכן אין שטוב. דווקא ווען עס איז טונקל דערקענט זיך אויף צוריקצואוועגס ווי שיין און ווי בליטשקענד די פלעשלייט איז.

**אברהם יצחק:** און וואס זאגט דער משל לגבי עבודת השם?

**משפיע:** ווייל פונקט ווי דער קינד וועט האבן די גרעסטע מאס תענוג ווען עס וועט זיך מער און מער דערקענען זיין אור, די אור ווייטער וועט זיך נאר דערקענען ווען עס וועט זיין פינסטער, און ווי פינסטערער אלץ שענער וועט דער אור שיינען - די זעלבע אויך מיט עבודת השם. דער תענוג עליון פון די שיינע ליכטיגקייט וואס עס גייט ארויס פון א מצוה וועט זיך דערקענען מיט איר פולן פראכט נאר ווען דער גאנצער ארום איז פול מיט פינסטערניש, די גשמיות און נסיונות מיט וואס די וועלט איז פול. ווי פינסטערער און מער מגושמ'דיג די וועלט איז, אלץ גרעסער און שטערקער וועט זיך דערקענען דער אור און אלץ גרעסער וועט זיין דער תענוג פון באשעפער.

אבער דער תענוג און אור קענען נאר אריינשיינען אין א איד וואס איז א חלק אלוק ממעל, וואס האט אין זיך א ליכטיגע נשמה וואס קען מאיר זיין דער אור און מיט דעם שאפן א נחת רוח למעלה. נישט אומזינסט האט אונז השי"ת אויסגעוועלט פון אלע ברואים אין די וועלט, אונז אריינגעלייגט אין אזא עולם השפל, אנגעטון אזא גשמיות'דיגער לבוש און געגעבן אלע נסיונות - אלץ נאר מיר זאלן קענען מאכן אזא נחת רוח פאר'ן בורא יתברך.

נאכמער. אזא תענוג ושעשוע קענען אפילו די מלאכי מעלה נישט געבן פארן בורא כל העולמים. ווייל אין הימל איז נאר דא ליכטיגקייט. דארטן איז נישטא קיין הסתרה,

נדבת הרה"ח ר' יחזקאל לאקס שליט"א
וויליאמסבורג
לרגל אירוסי בתו למזל טוב
בזכות מרן הבעש"ט ותלמידיו זי"ע יזכו לבנות בית נאמן בישראל

נדבת הרה"ח ר' שמעון זילבער שליט"א
לייקוואד
זכות מרן הבעש"ט ותלמידיו זי"ע תעמוד לו לברכה והצלחה בכל העניינים

נדבת הרה"ח ר' ישי ליזער שליט"א
בארא פארק
זכות מרן הבעש"ט ותלמידיו זי"ע תעמוד לו לברכה והצלחה בכל העניינים

נדבת הרה"ח החפץ בעילום שמו שליט"א
מאנסי
לטו"נ הרה"ק הרבי ר' אלימלך ב"ר אליעזר ליפמאן זי"ע

נדבת הרה"ח החפץ בעילום שמו שליט"א
בארא פארק
לרפואת הרב משה ישראל בן שרה שפרינצא בתושח"י

נדבת הרה"ח ר' החפץ בעילום שמו שליט"א
לכבוד כל מתחילי "משנה ברורה" בסדר לימוד "דרשו"

קיין אפהאלט צו טון די רצון הבורא און וועגן דעם האבן זיי נישט דער 'יתרון'.

ביי זיי איז נאר דא דער 'אור' אבער עס פעלט זיי דער 'יתרון' ווייל די 'יתרון' איז נאר מן החושך.

## וואס איז די הגדרה פון ליכטיגקייט און טונקלקייט?

**אברהם יצחק:** באמת שיין. די ערקלערונג איז הערליך שיין אבער נאך איין זאך... ווען דו רעדסט פון פינסטערניש ווייס איך ליידער זייער גוט פון וואס דו רעדסט. די חשכות זענען די נסיונות און די בילבולים, אבער וואס איז דאס דער אור?

**משפיע:** דער מציאות פון השי"ת ווערט אנגערופן 'אור'. מיר זאגן טאג טעגליך ביים דאווענען 'בית יעקב לכו ונלכה באור השם'. די עבודה פון א איד איז צו גיין לאורו יתברך און פשוט גערעדט מיינט עס אז אין קיין שום מציאות אדער מצב זאלן מיר נישט פארגעסן אז אלעס אויף דער וועלט איז דער בורא כל העולמים. ער איז מחיה די בריאה, ער טוט און מאכט אלעס אויף די וועלט, און עס איז נישטא קיין ארט אויף די וועלט וואו ער איז נישט פארהאן.

און קעגן דעם איז דער נסיון פון 'חושך'. ווען מען וועט זיך מתבונן זיין וועט מען איינזען אז יעדער שוועריגקייט וואס א מענטש האט אויף די וועלט נעמט זיך פון דער זעלבער שורש; דער מענטש הייבט זיך אן איינצורעדן אז ער איז א מציאות פאר זיך, ער קען אליין און ער מאכט אליינס, ער פארגעסט אז גארנישט געשעט נישט פון זיך אליין און אז אלעס פירט זיך פון אויבן. אין עוד מלבדו.

אסאך מאל רעדט זיך א מענטש איין אז אויב ער וועט ער טון אזוי און אזוי וועט ער פארדינען אדער דערלייגן, אדער אז א צווייטער קען אים שעדיגן אדער טשעפענען, אויב וועט ער זיך נאכשלעפן צו וואס עס ציט אים וועט ער זיין צופרידן - אנדערש וועט ער דאס פארפאסן, ווען דער אמת איז ממש די פארקערטע. אזא סארט בליק אויף די וועלט ברענגט פאר'ן מענטש חשכות, ווייל די אמת'ע מציאות פון השי"ת איז פארדעקט און באהאלטן. אבער ווען א מענטש שטייט ביי די נסיון, ער ווערט נישט נאכגעשלעפט נאך די חשכות, און ער חזר'ט זיך אייביג איין אין יעדן מצב אז דער באשעפער איז דא מיט אים, ער איז זיך מתדבק אין דער בורא יתברך און איז זיך משקיע כל כולו אין לימוד התורה און אין קיום המצוות - שיינט ער אריין אין די חשכות אן אור און פאר דעם אור איז געזאגט געווארן דער דערמאנטער פסוק 'כיתרון האור מן החושך'.

## שטערקערע טונקלקייט ווארט אויף אז מען זאל אים באלייכטן

**אברהם יצחק:** זייער פארשטענדליך אבער לאמיר אויסשמועסן נאך איין נקודה. ווי דו שילדערסט ביז אהער האלט מען אין איין באלייכטן די פינסטערניש. די וועלט האלט שוין היינט נאך מער ווי פיר טויזנט דורות פון ווען אידן האבן אנגעהויבן ליכטיג מאכן די וועלט. די וועלט וואלט שוין געדארפט לייכטן און לייכטן, און למעשה, ווען איך קום זיך אום זעה איך דאס פארקערטע, איך זעה אז פון דור צו דור ווערט אלץ מער און מער פינסטער.

**משפיע:** די סיבה דערצו איז - ווי מער מיר זענען מקיים דער רצון הבורא שלעפט אונז השי"ת אריין אין נאך א פינסטערער מצב אז מיר זאלן אויך דארט אריינשיינען די ליכטיגקייט, און ווי פינסטערער עס ווערט, אלץ גרעסער איז דער סימן אז מיר ווערן נענטער צו ביאת המשיח און נאר ווען די גאולה וועט קומען וועלן מיר איינזען אויף צוריקצואוועגס ווי אזוי מיט אונזערע פעולות און התגברות האבן מיר אריינגעשיינט אין אזעלכע שטארקע פינסטערנישן און מיר וועלן אליין נישט גלייבן אז מיר האבן געהאט די כוחות דערצו.

די נקודה דארף זיין קלאר. מען רעדט כסדר פון ירידת הדורות. די מטרה דערפון איז נישט אז מיר זאלן אריינפאלן נאך טיפער אין די זומפ, נאר די פארקערטע! אז מיר זאלן אריינשיינען אויך אין אזא טיפע און טאפענדע פינסטערניש די אור פון השי"ת.

און אויף אזא דור ווי אונזער דור האבן זיך די פריערדיגע צדיקים געוואונדערט. זיי האבן נישט געקענט פארשטיין ווי אזוי וועלן מיר האבן די כוחות צו קענען אריינשיינען די אור פון השי"ת אין אזא טיפע פינסטערניש? אבער אז השי"ת האט אונז געגעבן די נסיון איז א סימן אז מיר קענען יא!

**אברהם יצחק:** צום שלוס קומט אויס פון דיינע ווערטער אז די נסיונות זענען אן אור פון השי"ת, עס איז ווי א מתנה פון השי"ת אז מיר זאלן קענען מיט אונזער פלעשלייט אריינשיינען און ליכטיג מאכן די וועלט.

**משפיע:** ממש אזוי...

## פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

### עס איז בעסער א פאלשע שמחה, ווי א הערליכע מרה שחורה

הרה"ק מווארקא זי"ע



# זאל טאקע אזוי זיין!

ווען מענטשן האבן זיך באגעגנט מיט דער לוסטיגער ר' אפרים'ל צום ערשטן מאל אין זייער לעבן האט מען זיך געקענט דוכטן אז עס פעלט אים גארנישט אויף די וועלט.

קיינמאל, אבער קיינמאל, האט מען נישט געזען ר' אפרים'ל צוגעלייגט אדער אומעטיג. דער שמייכל מיט די פרישקייט האט זיך אייביג דערקענט אויף אים, וואו ער איז נאר געגאנגען האט ער מיטגעברענגט די גוטמוטיגקייט און ארייינגעבלאזן חיות אין דער עולם.

אבער אויב עס האט זיך פאר איינעם געדוכט אז ר' אפרים'ל האט אלעס אויף דער וועלט האט ער זיך בלויז געדארפט נאכפרעגן ביי זיינע ארומיגע און זיין בילד אויף ר' אפרים וואלט זיך גענצליך געטוישט. אויסער די שטענדיגע דחקות אין וואס ער האט געלעבט, האט ער געליטן פון עטליכע ווייטאגן און געזונט פראבלעמען און אויך פארמאגט אין שטוב א רייע פון עלטערע טעכטער. אבער די אלע זאכן האבן אים נישט באיינפלוסט - ער איז אייביג געבליבן גוט אויפגעלייגט.

די צופרידנקייט פון ר' אפרים'ל האט זיך אויך דערקענט ביי זיינע באזוכן ביי זיין הייליגער רבי'ן דער בית אהרן. אינדערצייט ווען אנדערע זענען געשטאנען אין די רייע און זיך מזכיר געווען ביים רבי'ן געהאלפן צו ווערן בדבר ישועה ורחמים און הרחבה אין פרנסה אדער גוטע שידוכים פאר די קינדער, האט ר' אפרים'ל קיינמאל נישט ארויפגעברענגט אזא בקשה אויף גשמיות ביים רבי'ן.

ר' אפרים'ל האט עס נישט דערמאנט אבער איינמאל ווען ער איז געשטאנען און זיך מזכיר געווען ביים רבי'ן האט עס דער רבי אליין ארויפגעברענגט.

אויפ'ן קארלינער רבי'ן דער בית אהרן זי"ע האט מען דערציילט אז אין די פריערדיגע יארן איז ער געווען בדיעה אז 'עניות' פאר די חסידים איז א גוטער זאך. אזוי האט ער מקבל געווען פון דער טשערנאבלער מגיד און פון דער ריזשינער זי"ע, אבער אין די שפעטערע יארן האט ער געטוישט זיין מיינונג.

"איך פארשטיי נישט פארוואס זאלן די חסידים נישט האבן געלט?" האט ער אמאל געזאגט אין די שפעטערע יארן.

"אמאל האבן מיר געפרעגט ביי די צדיקי הדור פארוואס זענען זיי נישט משפיע אויפ'ן ציבור שפע רב האבן זיי מיר געענטפערט אז אויב די חסידים וועלן האבן געלט ווער וועט שרייען ביי עזרת? אבער, היינט, אז סיי ווי סיי שרייען זיי נישט מיט אונז, פארוואס זאלן זיי נישט האבן קיין געלט?".

און דער צדיק האט דעמאלטס צוגעלייגט אז דאס אליין איז א מעשה בעל דבר. דער בעל דבר ווייסט אז אויב די חסידים וועלן האבן געלט וועלן זיי ווערן בעסער...

און דער צדיק האט געברענגט דערצו א שטארקע ראיה:

"איי טאמער וועט איר זאגן אז זיי וועלן קאליע ווערן אז זיי וועלן האבן געלט, האב איך דאך א סימן אז עס איז נישט אזוי. ווייל אויב וואלט מען קאליע געווארן פון געלט, וואלט דאך דער בעל דבר אנגעשטאפט יעדן איינעם מיט פולע בייטלען פון געלט... נאר דאס גופא איז טאקע מעשה בעל דבר, ער האט מורא אז זיי וועלן ווערן בעסער אויב זיי וועלן האבן געלט....".

מיט דעם געדאנק האט דער הייליגער בית אהרן געטייטש די פסוק אין פרשת וארא - 'וידבר משה כן אל בני בני ישראל ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה'. האט ער געטייטש, 'כן אל בני ישראל' - עס איז אמת וואס אידישע קינדער זאגן אז, 'ולא שמעו אל משה' - אז די סיבה פארוואס זיי הערן נישט אויס משה נעמט זיך פון דעם ווייל, 'מקוצר רוח ומעבודה קשה' - אז זיי ארבעטן צו שווער און האבן נישט קיין כח צו דינען השי"ת. אז זיי וועלן האבן שפע וועלן זיי גרינגער קענען דינען השי"ת.

און פון דעמאלטס און ווייטער פלעגט דער בית אהרן משפיע זיין שפע פרנסה פאר אידישע קינדער און זיי געבענטשט אז זיי זאלן מצליח זיין אין זייערע מעשים.

עס איז געווען יענער מוצאי יום טוב, ווען אפרים'ל איז געשטאנען אין די רייע און געבעטן ברכות ביים צדיק. ווען עס איז אנגעקומען די רייע פון אפרים'ל צו בעטן א ברכה האט ער גארנישט געבעטן פון רבי'ן.

"און וואס איז מיט דיר? צי האסטו נישט וואס צו בעטן?" האט אים דער רבי געפרעגט.

"ניין. רבי. מיר איז ברוך השם זייער גוט. איך האב אלעס אויף דער וועלט!".

ווען דער צדיק האט דאס געהערט האט ער זיך געגעבן א צופלאם און זיך אנגערופן: "זאל טאקע אזוי זיין! עס זאל דיר שטענדיג זיין גוט! זאלסט האבן פרנסה בריווח און חתונה מאכן דיינע קינדער און האבן פון זיי נחת, אלע זאלן זיין געזונט און עס זאל דיר קיינמאל גארנישט פעלן!"

האבן חסידים דערציילט אז פון דעמאלטס אן איז טאקע אזוי געווען! עס האט מער ר' אפרים'ן גארנישט געפעלט, ער האט געהאט מכל טוב.

**מקור: פרי ישע אהרן**

# איך האב א קאנקורענץ (ב)

## וואס האב איך פון זיך שלאגן ווען די מחשבות זענען געבליבן די זעלבע? וואו שעפט מען כוחות נישט מיד צו ווערן אין די מלחמה?

### שאלה:

אין די פריערדיגע גליון האב איך דא פארגעלייגט א שאלה ווי אזוי איך קען זיך פארמעסטן מיט די געפילן איבער מיין קאנקורענץ. און דער ענטפער איז מיר נאך אביסל אומקלאר...

**נאכאמאל די שאלה אין קורצן:** איך האב א קאנקורענץ און דאס שטערט מיין אמונה. עס קומט מיר ארויף אין קאפ געדאנקען אז יענער נעמט מיר צו מיין פרנסה. עס שאדט מיר אויך אין אהבת ישראל, מיין הארץ איז נישט גאנץ מיט יענעם.

אין די תשובה איז געווען עטליכע עצות ווי אזוי מען קען זיך פארמעסטן דערמיט. איך האב זיי פראבירט צו נוצן, און אויך גענוצט די עצה פון טון פעולות קעגן מיין רצון, און זיך אנגעטראגן פאר מיין קאנקורענץ אים צו העלפן, אבער דערווייל זעה איך נישט ביי מיר קיין שום שינוי. אין א געוויסער מאס קען מען זאגן אז די געפילן קעגן מיין חבר און די ספיקות אין אמונה ווערט שטערקער און כ'געב זיך נישט קיין עצה מיט זיי.

### תשובה:

ערשטנס, זייער ריכטיג אז דו פרעגסט איבער. די ציל פון א שאלה איז נישט צו באקומען א תשובה פון ווערטער, נאר אז די תשובה זאל נתיישב ווערן בלב.

צווייטנס, ליינענדיג דיינע ווערטער דערקענט זיך צווישן די שורות צוויי הויפט שוועריגקייטן וועלכער זענען א שטער אז די פריערדיגע יסודות וואס מיר האבן דא אראפגעלייגט - זאלן גוט אריינגיין אין דיר.

**די ערשטע שוועריגקייט:** גייט געבינדן מיט דער נאטור וואס א מענטש האט אין זיך, אז ער וויל געווינען און דערגרייכן דעם ציל. עס לאזט זיך זאגן אז נאכן דערהאלטן די ערשטע תשובות צו דיינע שאלות ביסטו געווען איבערגעצייגט אז דו האסט שוין געלעזט די זאך. דו ווייסט שוין וואס דו האסט צו טון אין אזא פאל. וועסט לערנען 'שער הבטחון' און נאכדעם וועסטו פארשלאגן אפאר עצות פאר דיין קאנקורענץ, און דיין קאפ וועט זיך געבן א טויש און ווערן פול מיט אמונה, און וועסט יענעם פארגינען מיטן גאנצן הארץ. אבער די מציאות הדברים איז אנדערש. דו האסט געטון וואס דו האסט צו טון אבער די מחשבות זענען געבליבן מחשבות, און די געפילן ווירבלט ווייטער אינעווייניג... די ערגעניש זענען געבליבן וואו זיי זענען געווען, און גארנישט האט זיך נישט געטוישט. די מסקנא וואס דו האסט געהאט איז געווען - אז דו ביסט דורכגעפאלן.

## דער ציל איז נישט צו באזיגן דעם יצר! דער ציל איז מלחמה!

אבער דער צוגאנג צו די זאך איז א טעות! דער ציל איז נישט דער זיג, נאר די עצם מלחמה. **דער מלחמה אין עבודת השם דאס איז דער נצחון! דאס איז די מטרה!** אלס צוויי סיבות: ערשטנס, מיט יעדע פראסק וואס דו געבסט פארן יצר הרע מאכסטו א נחת רוח למעלה! יעדער מאל וואס דו שלאגסט זיך צוריק מיטן יצר הרע און דו לאזט זיך נישט ווערן באהערשט פון אים - האסטו געמאכט א נחת רוח פארן אויבערשטן מיט דעם וואס דו אנטפלעקסט זיין נאמען אויף די וועלט. פארוואס ווארטסטו אז די געדאנקען זאלן גענצליך נעלם ווערן, ווען דער אויבערשטער האט א נחת רוח ווען די געדאנקען קומען ארויף און די שלאגסט זיך דערמיט?! **עס דארף זיין קלאר: דער ציל איז נישט צו באזיגן דעם יצר! דער ציל איז מלחמה!** די צווייטע סיבה: יעדע רגע ווערט די וועלט באשאפן פונדאסניי! יעדע זאך איז א נייע בריאה פונעם אויבערשטן. אויב יעצט איז דיר אריינגעקומען נאך א מחשבה פון חוסר אמונה, חוסר אהבת ישראל, האט דאס גארנישט מיט די פריערדיגע מחשבה! פארקערט די פריערדיגע מחשבה האסטו זיך שוין מתגבר געווען, זי איז שוין נתעלה געווארן יעצט האט דער אויבערשטער באשאפן א נייע בריאה, א פרישע נסיון, און דיין התגברות דערויף איז נייע נצחון.

> האסט אבער געטון א געוואלדיגע נחת רוח פארן אויבערשטן, דו האסט געבויגן דיין יצר הרע, זיי מחשיב דיין פעולה, שפיר זיך גליקליך דערמיט, אזוי ווי נאך 5 שעות רציפות

א גוטער משל פארדעם איז תפילין לייגן. אויב דו האסט נעכטן געלייגט תפילין, וועסטו היינט נישט לייגן תפילין?! יעדן טאג איז א נייע מצוה, א נייע ליכטיגקייט. די זעלבע איז מיט יעדע נסיון, די היינטיגע נסיון איז נישט די נעכטיגע נסיון וואס חזר'ט זיך איבער נאר יעדן מאל איז עס נאך א תפילין לייגן.

**די צווייטע שוועריגקייט אין די מלחמה:** אז די סארט מלחמות נעמט אסאך צייט. די מחשבות גייען נישט אוועק אין איין טאג. גענוי ווי דו לייגסט עס אראפ אין דיין שאלה שפירט א מענטש ווי ער ווערט נישט פטור פון זיי. וויפיל מען שטופט זיי אוועק פון דיר פארשטייען "זיי" נישט קיין רמזים. זיי האלטן אין איין צוריקקומען און יעדער מאל מיט א נייער געשטעל, און א מענטש האט נישט נאטורליך קיין כח צו פירן א לאנגע מלחמה. דער נפש פון א מענטש ווערט שנעלערהייט ערשעפט און הייבט הענט, כאטש זי ווייסט אז די מלחמה וועט איר ברענגען א גרויסע תועלת.

## געז אויף די מלחמה: שעפן חיות פון רוחניות'דיגע קוואל

**די עצה נישט מיד צו ווערן איז צו זוכן קוועלער פון וואו מען קען שעפן חיות און תענוגים אין עבודת השם.** א מלחמה קאסט אפ אסאך כוחות הנפש, און אויב מ'וועט זיך נישט צוטרעפן א קוואל פון וואו זיך אנצושעפן מיט כח און זיך שטארקן גייסטיש, קען מען זייער שנעל ווערן אויסגעטרוקנט. יעדער איינער שעפט זיינע כוחות פון א צווייטער ארט. ביי איינער איז עס ביי א ווארעמע דאווענען, ביי א צווייטן איז עס ביים לערנען א סוגיא, צי א דערהויבענער שבת. אבער יעדער מוז זיך האבן זיין ווינקל פון וואו ער פולט זיך אן מיט כוחות צו קענען ווייטער אנגיין מיט זיין פריוואטע מלחמה.

**אין דיינע ווערטער באצייכנסטו אז נישט נאר דו שפירסט נישט ווי דיין התגברות העלפט, נאר עס מאכט גאר שטערקער די שווערע געפילן. מעגליך אז ס'איז דא צוויי קריטישע טעותים:**

**די ערשטע טעות:** צומאל ווען א מענטש מאכט א שטארקע התגברות אויפן יצה"ר, שעצט ער נישט גענוג וואס ער האט געטון. ער באטראכט זיך אזויווי ער האט זיך סתם צוקלאפט און דערנידערט, זיי האבן נישט גענוג אריינגעקלערט צו דערהערן אז יעדע פעולה פון התגברות איז מורא'דיג חשוב אין הימל. **דיין קליינע התגברות איז פונקט ווי דו וואלסט יעצט מקיים געווען די מצוה פון תקיעות שופר און אכילת מצה, און אפשר אפילו נאכמער.** (אזויווי עס ווערט געברענגט אין גמרא אז כאטש וואס געווענליך איז מצות 'פריקה' פאר 'טעינה', זאל מען ביי א שונא ענדערש מאכן טעינה, ווייל 'לכוף את יצרו עדיף') זיי מחשיב דיין פעולה. זאלסט וויסן, כאטש עס טוט דיר וויי דאס וואס דו האסט זיך דערנידערט אונטער דיין קאנקורענץ און אים געהאלפן. האסטו אבער געטון א געוואלדיגע נחת רוח פארן אויבערשטן, ווייל דו האסט געבויגן דיין יצה"ר, און דו האסט ארויסגעברענגט די געטליכקייט און גוטסקייט וואס איז דא אין דיר. שפיר זיך גליקליך דערמיט. דיין געפיל דארף זיין ווי נאך א פינף שעה'דיגע סדר רציפות.

**די צווייטע טעות:** צומאל מיינט א מענטש אז דער עיקר ציל איז פשוט צו משפיל זיין דעם גוף, צו בייגן דעם יצה"ר, און אזוי וועט לייכטן די ליכטיגקייט פון די נשמה. אבער ס'איז נישט פונקט אזוי. סתם זיך צו קוועטשן און וויי טון, אן דעם וואס א צווייטער איד זאל פארדינען - נישט דאס איז די מטרה, און נישט אזוי וועט ווערן ארויסגעברענגט דיין געטליכע ליכטיגקייט. נאר דיין פינטל און ציל דארף זיין צו העלפן א צווייטן איד פארדינען געלט! און דעמאלטס, כאטש די שווערע געפילן פון די דערנידערונג אונטער דיין קאנקורענץ - וועסטו זיך אבער קענען פרייען מיט די נשמה'דיגע ליכטיגקייט, ווייל דו ביסט פארנומען מיט די לעכטיגע גוטע חלק וואס דו ברענגסט ארויס מיטן העלפן א צוווייטן איד.

דיין שווריקייט איז געווען ווייל דו ביסט געווען פארנומען אז דו קוועטשט זיך. אבער אז דו וועסט טראכטן און זיין פארנומען צו העלפן א איד, דאס איז א ליכטיגע זאך, און דיין נשמה וועט זיך מתחבר זיין צו דעם.

**צום שלוס לאמיר צולייגן צוויי וויכטיגע נקודות: א.** ווען עס טוט דיר וויי - דארף מען זיך אויסרעדן! טרעף זיך א גוטער פריינד מיט וועמען דו קענסט זיך אויסשמועסן און מיטטיילן דיין ווייטאג, לאז נישט אז דיין ווייטאג זאל דיר באהערשן. **ב.** מען קען זיך נישט מתגבר זיין אויף אזא פארמעסט אן די הילף פון השי"ת. דאנק דעם אויבערשטן אז ער האט דיר געברענגט אזא נסיון און בעט אים ער זאל דיר געבן כוחות הנפש אז דו זאלסט זיך קענען שטארקן אויף די נסיונות. **הצלחה און סייעתא דשמיא.**